גלותן״ ? וועלן זיי „איינגעזאַפּט״ ווערן אינעם נאַציאָנאַל־אידישן אָרגאַניזם, ווי דאָס איז געשען מיט די הונדערטער גרים־משפּחות — וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ישראל מיט אַ יאָרהונדערט צוריק און שפּעטער — וואָס זייערע קינדער און אייניקלעך זיינען שוין צונויפגעגאָסן מיטן כלל ישראל ? שווער דערויף צו ענטפערן איז איצטיקן מאָמענט.

## 2. אומגלויבלעך !

מיר האָבן אַ ריי באַריכטן, פון פאַרשידענע לענדער, וויאַזוי אַפילו פרייע רעגירונגען זיינען אַרונטערגעפאַלן דער השפּעה פון שרעק פאַר די אַראַבישע טעראָריסטן. בעיקר איז דאָס געקומען צום אויסדרוק דערין, וואָס זיי האָבן געגעבן „רמזים״ צו ישראלים — יחידים און אָרגאַניזירטע טוריסטן־גרופּעס — אַז ס׳וואָלט גלייכער געווען, ווען זיי מיידן אויס דאָס באַטרעפנדיקע לאַנד און... פאָרן ערגעץ־אַנדערש.

פון אָט־די אַלע פאַקטן מוז מען זיכער צוזאַמענשטעלן אַ גרעסערע נאָטיץ — און מיר האָבן דאָס טאַקע געהאַלטן ביים טאָן. אָבער „עפּעס״ האָט אונז דערביי געשטערט : לויט ידיעות פון ישראל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אָט־דעם שטילן באָיקאָט האָבן אויך געהאַט אַ שטיקל חלק... אחינו בני־ישראל. יענע באַריכטן האָבן זיך געקלאָגט, אַז אַ געוויסע ישראל־טרופּע — וואָס איז אויפגעטראָטן אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן — האָט אויך געדאַרפט געבן קאָנצערטן אין מערב־אייראָפּע. בדרך־כלל האָבן אידן דאָרט אַ טבע, אַז זיי קויפן אויס פאָרויס אַלע זיץ־פּלעצער ביי אַזעלכע קאָנצערטן ; אָבער דאָס מאָל זיינען די בילעטן „געבליבן ליגן״. פאַרוואָס ? ווייל אידן האָבן מורא־געהאַט צו קויפן פּלעצער ווייל... עפּעס וועט זיכער מוזן פּאַסירן דאָרט וואו ישראלים טרעטן־אויף. דערפאַר האָט מען געמוזט אַנולירן דער טרופּעס באַזוך אין גאַנץ מערב־אייראָפּע.

למען־האמת, האָט ביי אונז אַזאַ באַריכט אויסגעזען ווי איבערגעטריבן : מילא, וואָס מען זאָגט ! ס׳איז רעכט, אַז אין יענע לענדער האָט מען זיך שוין אַביסל איבערגעזעטיקט מיט ישראלדיקער זינגקונסט און דערפאַר האָט זיך זעלטן־ווער געאיילט מיטן קויפן פאָרויס אַן איינטריטס־קאַרטע. אָבער איצט האָבן מיר געזען אַ ריי פּרטים (דערציילט פונעם פּובליציסט זאב שיף, אין „הארץ״), וועלכע מאַכן גלויבלעך אַפילו דאָס אומגלויבלעכסטע.

ער אינפאָרמירט, למשל, אַז אין דער דענישער הויפּט־שטאָט (קאָפּענהאַגן) זיינען היי־יאָר אַ סך ווייניקער אידן געגאַנגען דאַווענען ימים־נוראים, אונטערן איינדרוק פון מאָרד אין מינכען... זיי האָבן, הייסט עס, זיך געשראָקן פאַר אַן אַראַבישן אָנפאַל אויף די סינאַגאָגעס. דאָס איז אָבער אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך דערמיט וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין לאָנדאָן :

אין איין באַרימטער סינאַגאָגע פון ענגלאַנדס הויפּט־שטאָט האָט מען פּשוט נישט אַריינגעלאָזט צוויי ישראלים, וועלכע זיינען אַהין געקומען צום יום־כּיפּור׳דיקן דאַווענען. וויאַזוי די תּפילה האָט שפּעטער „געשמעקט״ די גבאים ווערט נישט דערציילט. דער עיקר איז, וואָס דערמיט האָבן זיי זיך געוואָלט אויסהיטן פונעם אַראַבישן צאָרן. אויף אַ צווייטן אָרט (אויך אין לאָנדאָן) האָבן אַ גרופּע אידישע עלטערן, וואָס זייערע קינדער לערנען זיך אין אַ אידישער שולע, זיך געוואָנדן צום דירעקטאָר, אַז... ער זאָל פון דאָרט באַזייטיקן די תּלמידים פון ישראלדיקע עלטערן. אויך זיי האָבן דערמיט געוואָלט דערגרייכן מער זיכערקייט פאַר זייערע קינדער און נישט אויפרייצן די אַראַבישע רוצחים.

איז וויבאַלד אידן קענען אַזוי האַנדלען, ווי מעגן מיר קריטיקירן דעם „גוישן״ פּחד אין פאַרשידענע לענדער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען די אומווירדיקע אויסנאַמען ?

## 3. אומעטיקע פרייד

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ביי אַלע אידיש־פריינט אַרויסגערופן גרויס צופרידנקייט דער פאַקט, וואָס אַ צאָל אידישע יונגעלייט — אַלע אין זייערע ערשטע צוואַנציקער, אָדער נאָך יונגער — האָבן זיך גענומען, מיטן גאַנצן אייפער, פאַרזיכערן דעם קיום און המשך פון אידיש. אָט־די גרופּעס יונגעלייט — הגם פון אַלערליי אידישע קרייזן און אידעאָלאָגיעס — האָבן זיך אָבער פאַראייניקט אַרום איין בשותּפותדיק און וואַרעם פּייערל : ליבשאַפט צו אידיש. שוין דאָס אַליין האָט אַרויסגערופן צו זיי אַ סך האַרציקן געפיל.

אין די ערשטע צייטן זיינען געקומען — אַפילו צו די ווייטלעכע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט אָט־די ליבע יונגעלייט — אַלערליי גרוסן : ס׳האָט אויסגעזען, אַז זיי איז געראָטן צו גרייכן אין מרחקים און נישט בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן און קאַנאַדע, נאָר אויך אין גאָר־ווייטע מקומות האָבן זיך געשאַפן צווייגן פון אָט־דער באַוועגונג מיט ענלעכע צילן. אָבער דערנאָך האָט מען וועגן דעם געגומען הערן ווייניקער.

אָבער דווקא אין אַ ישראלדיקן יוגנט־זשורנאַל („חותם״) האָבן מיר באַמערקט דעם נייסטן גרוס, וואָס איז סיי טרויעריק און סיי

פריילעך. איינער פון די הויפּט־זיילן (און אידעאָלאָגן) פון די יונג־אינטעליגענטע חובבי־אידיש האַלט ביים באַקומען זיין דאָקטאָראַט אין אַן אַמעריקאַנישער אוניווערסיטעט. זיין יונגע פרוי, וואָס אויך זי איז געווען דאָ אַקטיוו ביים שטאַרקן אַ קונסט־צווייג אין לשון אידיש, האָט שוין באַקומען איר דאָקטאָר־טיטל.

הכלל: צוויי יוגנטלעכע אינטעלעקטואַלן, וואָס וואָלטן זיכער געקענט באַווירקן אַ ריי אַנדערע — פון זייערס גלייכן — לטובת אידיש־ליבשאַפט. אָבער ביידע האָבן גאָר באַשלאָסן... עולה צו זיין קיין ישראל! אַז אַמעריקאַניש־אידישע יונגעלייט, מיט טיף־אידישן באַוואוסטזיין און עכטן אידעאַליזם, פאָרן זיך באַזעצן אין דער אידישער מדינה — איז דאָס אַן אמתע פרייד. אָבער אין דעם פאַל ווערט אויך אַביסל טרויעריק, ווייל ביידע האָבן גלייכצייטיק אויסגעדריקט זייער אַנטוישונג אין דער סביבה וואו זיי האָבן זיך אויסגעוואַרעמט. נאָך פשוטער מיינט עס, אַז אונזער אידיש־וועלטל (פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן בכלל און פון ניו־יאָרק בפרט) איז מער נישט מסוגל צו וואַרעמען אַזאַ פיינעם און יונג־צאַפּלדיקן עלעמענט.

מיר ווייסן נישט, אויב דער ישראלדיקער אינטערוויואירער האָט טאַקע ריכטיק פאַרצייכנט זייערע ווערטער (און דערפאַר טאַקע ווערן דאָ נישט דערמאָנט קיין נעמען) — אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, קלינגט זיכער אָפּ אין די געדרוקטע ווערטער אַ סך פון זייער געמיט:

> ...פאַר אַ ישראלי הויבט זיך אָן די היסטאָריע אין 1948; דאַקעגן אונזער „בראשית" איז דער חורבן (אייראָפּע). דער חורבן איז דאָס פאַרלירן יעדע באַרעכטיקונג פאַרן גלות, אַפילו ווען ס'זאָל נישט געווען אויפקומען קיין מדינת ישראל; שוין אָפּגעשמועסט, אַז ס'איז באַרעכטיקט די שלילת הגלות ווען ס'עקזיסטירט אַ אידישע מדינה. אידן נאָכן חורבן האָבן נישט קיין שום רעכט בייצושטייערן עפּעס צו דער „מערב־קולטור" — — — מיר האָבן פּרובירט טאָן אַלצדינג. מיר זיינען געווען אַקטיוו אויפן טעאַטער־געביט (אין אידיש... א״ק); אין פאַרעפנטלעכן אַרבעטן פון אידישע סטודענטן; דערציאונג פאַר אידישע קינדער; פּאָליטישע טעטיקייטן, בעיקר פאַרן סאָוועטישן אידנטום. אָבער אַלצדינג איז אָן אַ באַזע... מיר האָבן געווירקט אַזויווי אין אַ ליידיקן חלל. מיר האָבן געזוכט וואו צו פאַר'ממש'ן אונזער גלויבן אינעם אידישן פאָלק און מיר האָבן נישט געפונען. מיר האָבן זוכה־געווען צו „אָנמערקונגען", אָבער נישט צו ממשדיק־אידיש לעבן. אַלע האָבן אונז „געקניפּן אין די בעקעלעך", נתפּעל־געוואָרן פון אונז; אָבער קיין שום פאַקטאָר קען נישט באַשטיין די שפּאַנונג פון פאָדערונגען; די אַטמאָספערע פון אַקטיוויקייט און דערוואַרטן פאָרויסגאַנג. אונזער בלויז פאַרנעמען זיך מיט אידישקייט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ „דערגרייכונג"; און אָן צו טאָן אַ סך, האָט מען אַלעמאָל באַשלאָסן, אַז מיר זיינען „וואויל". האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצושפּרינגען אין אַן אמתדיק־אידיש לעבן וואָס פּולסירט. מיר ווילן בעסער זיין אַ „זנב לאריות" אין ישראל, איידער אַ „ראש לשועלים" דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן (קליין, הייסט עס, דאָרט; איידער שטיין אין שפּיץ דאָ).

אַ צאָל „עלטערע" פירער פון די אידיש־איינגעפונדעוועטע אָרגאַניזאַציעס האָבן טאַקע „געגלעט איבער קאָפּ" אַזעלכע יונגעלייט — אָבער אויך אויפן אַדרעס פון אַזעלכע גוטע פריינט (און אפשר גוט־מיינענדיקע אידן בכלל) האָבן די צוויי אַנטוישטע אַ שפּאָר ביסל קריטיק:

> „זיי האָבן נישט געפילט, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַן ערנסט־אידישע אויפלעבונג, וואָס באַדראָט דעם שאַבלאָנעם גאַנג. זיי האָבן נישט קיין אינטערעס אינעם אויפלעבן די אידישע קולטור"... און נאָך עפּעס, וואָס מ'מוז באַזונדער אונטערשטרייכן:
>
> די גאַנצע אידיש־קולטורעלע „אַנטוויקלונג" איז געוואָרן אַן אויסשטעל־אָביעקט, נאָך כמעט איידער זי איז געבוירן געוואָרן; און ווען אַלץ איז באַשטימט צום אַרויסשטעל און דעמאָנסטראַציע — איז נישטאָ קיין שאַנס פאַר אָריגינעלער אַנטוויקלונג. נישט קיין נאַטירלעכע שאַפונג. פאַראַן בלויז התפּעלות פאַר יעדער אימיטאַציע פון שאַפונג...

זאָל קומען אַ ברכה אויף יעדער יונגן און געזונט־מאָראַלישן כח, וואָס וויל — דורך זיך אַליין — פאַרשטאַרקן די אידישע מדינה. אָבער ס'ווערט שרעקלעך קאַלעמוטנע דערפון, וואָס אונזער קולטור־סביבה דאָ האָט אַרויסגערופן אַזאַ געפיל ביי אָט־די יונגעלייט וועלכע האָבן אַזוי אויפריכטיק זיך באַמיט דערנענטערן צו איר.

דיטרויט, מיש.

מזל טוב אייך ליבע **פייגל וויינגראַד** (מילוואָקי) צו דער חתונה פון אייער אייניקל מייער וויינגראַד צו סיבי. איך ווינטש דער באָבען, די עלטערן פון חתן כלה חיים און אסתר וויינגאַרד און דעם יונגן פּאָרל פיל נחת און גליק אין זייער צוקונפטיקן לעבן.

**אַדעל מאַנדרי**